# DI HOYP SHREMUNGEN IN DER LIERAUR FUN NAYNTSENEN YORHUNDER

Published @ 2017 Trieste Publishing Pty Ltd

ISBN 9781760578305

Di hoyp shremungen in der lieraur fun nayntsenen yorhunder by  Georg Morris Cohen Brandes

Except for use in any review, the reproduction or utilisation of this work in whole or in part in any form by any electronic, mechanical or other means, now known or hereafter invented, including xerography, photocopying and recording, or in any information storage or retrieval system, is forbidden without the permission of the publisher, Trieste Publishing Pty Ltd, PO Box 1576 Collingwood, Victoria 3066 Australia.

All rights reserved.

Edited by Trieste Publishing Pty Ltd.
Cover @ 2017

This book is sold subject to the condition that it shall not, by way of trade or otherwise, be lent, re-sold, hired out, or otherwise circulated without the publisher's prior consent in any form or binding or cover other than that in which it is published and without a similar condition including this condition being imposed on the subsequent purchaser.

www.triestepublishing.com

GEORG MORRIS COHEN BRANDES

# DI HOYP SHREMUNGEN IN DER LIERAUR FUN NAYNTSENEN YORHUNDER

Trieste

אַ געזונטער, פעסטער מענש, איינער. זיין ציל, ווילען און אנט־
שלאָסענקייט מאַכען פון איהם אַ פולשטענדיגע איינקייט. אויב
דער מענש איז, אַלס אַ נאַטור־פּראָדוקט, בלויז אַ גרופּע וואָס ווערט
מעהר אָדער ווייניגער פעסט צוזאַמענגעהאַלטען דורך אידעען פאַר־
בינדונגען, איז ער אָבער פּסיכיש אַ פולשטענדיגע גאַנצקייט; אין
זיין ווילען ווערען פאַראייניגט אַלע עלעמענטען פון זיין פּסיכיק.
דער ראָמאַנטיזם האָט געניאַל פאַרשטאַנען און געשילדערט די
מענשליכע נאַטור בלויז פון דער נאַטירליכער, פון דער נאַכטליכער
זייט. בנוגע דעם, ווי בנוגע יעדער אַנדער שטרעבונג זיינער, איז
ער ווייטער נים געגאַנגען אין זיין זעלבסט־קאָנטראָל, איינקייט און
פרייהייט.

דריק נים אוים קיין מיינונג, איך ציה בלויז אויפמערקזאמקייט צום פאקט.

מיר האבן געזעהן אז דער ראמאנטיקער איז אינסטינקטיוו, אומפארמיידליך, א שונא פון א קלאר באשטימטער פארם אין דער קונסט. מיר האבן געזעהן ווי האפמאן מישט צונויף די פארשידענע טיילען פון זיין בוך אזוי ווייט, אז ער גיט אויף איין זייט פון א בלאט א טייל פון איין מעשה, און א טייל פון גאר אן אנדער מעשה אויף דער אנדערער זייט פונ'ם זעלבינען בלאט. מיר האבן געזעהן ווי טיק פארפאסט דראמעס, איינע אין דער אנדערער פונקט ווי שפילצייג־קוילען, כדי ניט צו דערלאזען אז דער לעזער זאל זיי נעמען צו ע ר נ ס ט, און קירקעגארד פאסט אריין איין שרייבער אין אנדערען לויט'ן מוסטער פון די כינעזישע רעטענישקעסטלעך, דאס אלץ אויפ'ן כח פון דער טעאריע אז דעם אמת קען מען מיטטיילען בלויז אומדירעקט, א טעאריע פון וועלכער ער האט סוף כל סוף חוזק געמאכט, — בקיצור, מיר האבן געזעהן אז דער ארטיסטישער שטאנדפונקט פונ'ם ראמאנטיזם איז פונקט דער היפוך פון די גריכען. און ווען די ראמאנטיקער, מיט זייער נייגונג צום איבערנאטירליכען, שפרייטען אוים די פערזענליכקייט פונ'ם איינצעלנעם אויף עטליכע כסדר'דיגע דורות, פארשטעלענדיג זיך, אז ער לעבט פאר זיין געבורט און נאך זיין טויט, אדער ווען זיי שטעלען איהם פאר ווי א טרוימער, האלב וויזיאנער און האלב משוגע'נער, אדער ווען זיי גיבען, מיט א הומאריסטישער מינע, אין איהם אריין, די איינגעשאפטען פון אן אנדערען און רויבען פון איהם אוועק זיינע אייגענע, און נעמען צו, אין זייער פארשטעלונג, זיין שאטען אדער זיין רעפלעקציע, מיט אט דער גאנצער פאנטאסטישער טאפעלטקייט און פארשטעלונגס־קראמפ, ווייזען זיי אז זייער פסיכאלאגישער שטאנדפונקט איז אויך לחלוטין אנדערש; ווארים אין אמאליגע צייטען זיינען ארטיסטישע ווערק און פערזענליכקייט געווען אייגס, געמאכט פון איין שטיק. די באוועגונג איז אין גאנצען אויסגעהאלטען ווען מען באטראכט זי ווי א היפוך פונ'ם קלאסיציזם, בקיצור, ווי ראמאנטיזם.

אבער צוגעבענדיג אז א מענש איז נייטווענדיג, לויט זיין סאמע טבע, א צעטיילטע, קאמפליצירטע בריאה, איז ער אבער דאך, אלס

דינגען איינפלוס און די קראַפט פון מיין לעבען, וואָס זיין צוועק איז דאָס וויסן."

די אָריגינאַליטעט פוג'ס פּלאַן פון דער מעשה און די וואונ־דערבאַרע קלאָרקייט פון איהר סטיל (דאָס לעצטע איז אַ כאַראַק־טעריסטיק פון אַלע שאַמיסאָ'ס שריפטען, און מסתמא זיין פראַנ־צויזישע אינטעלעקטועלע ירושה) האָט געמאַכט אַז „פעטער שלעמיל" זאָל האָבען גרויס ערפאָלג. מען האָט דאָס ווערק איבערגע־זעצט כמעט אין יעדער שפּראַך. צעהן יאָהר נאָך דעם ווי דאָס בוך איז ערשינען, האָט מען אַ נייע לאַמפּ, וואָס וואַרפט ניט קיין שאָטען, אַ נאָמען געגעבען די „שלעמיל לאָמפּ".

שאַמיסאָ'ס ערפאָלג האָט נאַטירליך אויפגערייצט האָפמאַנ'ס קנאה. אין זיין קלוגער „מעשה פון דער פאַרלוירענער רעפלעקציע", לאָזט דער העלד איבער זיין רעפלעקציע אין איטאַליען מיט דער צויבערדיגער דזשוליעטאַ, וועלכע האָט איהם פאַר'כשופ'ט, און ער קומט אַהיים צו זיין ווייב אָהן זיין רעפלעקציע. זיין קליינער זוהן, ווען ער געפינט אויס אַז זיין פאָטער האָט קיין רעפלעקציע ניט, לאָזט אַראָפּ דעם שפּיגעל וואָס ער האַלט און לויפט אַרויס פון צי־מער אַ וויינענדיגער. די מוטער קומט אַריין, און וואונדער און שרעק זענען אויסגעדריקט אויף יעדען שטריך איהרען. „וואָס איז דאָס, וואָס ראַזמוס האָט מיר דערציילט וועגען דיר?" פרעגט זי. „מסתמא, אַז איך האָב ניט קיין רעפלעקציע, מיין טייערע", ענט־פערט ספּיקהער מיט אַ געצוואונגענעם לאַך, און ער נעהמט ווייטער אָן און סטאַרעט זיך צו באַווייזען אַז עס איז נאַריש צו גלויבען אַז אַ מענש קען פאַרלירען זיין רעפלעקציע, און ווען אפילו דאָס וואָלט מעגליך געווען, איז דאָס ניט קיין וויכטיגע זאַך ווען מען האָט אין זין אַז אַ רעפלעקציע איז בלויז אַן אילוזיע. זעלבסט־אַריינגעטונ־קייט פיהרט בלויז צו גאווה. און, נאָך מעהר, אַזאַ אָבּבילד צעשפּאַלט אַ מענשענס פערזענליכקייט אויף אמת און פאַנטאַזיע.

דאָ זעהן מיר ווי דאָס שפּיגעל־צימער ווערט אַנטוויקעלט אַזוי ווייט, אַז די רעפלעקציעס געהען אַרום אומאָפּהענגיג אָנשטאָט נאָכ־צוגעהן זייערע אָריגינאַלען. עס איז זעהר אַמוזאַנט, זעהר אָריגינעל און פאַנטאַסטיש, און, אונטער רעפלעקציע קען מען פאַרשטעהן וואָס מען וויל, מען קען אפילו זאָגען אַז דער געדאַנק איז זעהר טיף. איך

מיר". אין מאַי 1813 שרייבט ער: „אַקטיוויטעט און פּאַסיוויטעט זייַנען פאַר מיר גלייך פּייַנליך."

אַזאַ שטימונג האָט איהם באַהערשט ווען ער האָט געשאַפען דאָס וויכטיגסטע ווערק זיינס „פּעטער שלעמיל". די גרויסע היסטאָרישע געשעהענישען, וואָס האָבען געפּייניגט זיינע געפיהלען האָבען געמאַכט אַז ער זאָל ווערען אינטעלעקטועל פּראָדוקטיוו. דער זומער פון 1813 איז געווען אַ ווענד פּונקט אין זיין לעבען. „איך האָב מעהר קיין פאָטערלאַנד ניט געהאַט, זאָגט ער, אָדער נאָך אַלץ קיין פאָטערלאַנד ניט געהאַט. אָט אַזוי שרייבט דער מענש אָהן אַ לאַנד אַ דערציילונג וועגען דעם מענשען אָהן אַ שאָטען. אַ מענשענס שאָטען, כאָטש ער איז ניט עפּעס ממשות'דיגס, איז, פּונקט ווי זיין פאָטערלאַנד, זיין היים, זיינס אַ נאַטירליך פאַרמעגען, עפּעס וואָס געהערט צו איהם פון זיין געבורט אָן, וואָס איז אַזוי ווי אַ טייל פון זיין פּערזענליכקייט. אונטער געוויינליכע אומשטאַנדען ווערט עס באַטראַכט אַזוי דורכאויס נאַטירליך אַז אַ מענש זאָל האָבען אַ לאַנד, אַז מען קען קוים רעכענען ווי אַ ספּעציעל פאַרמעגען, נאָר מען נעמט עס אָן, פּונקט ווי דעם שאָטען, ווי אַ נאַטירליכע זאַך. שאַמיסאָ האָט אויסגעדריקט זיין גאַנצען טרויער, דעם גאַנצען צער פון זיין לעבען אין זיין געוואַנטען, פאַנטאַסטישען פאַבעל. און, ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט קלינגען, ער האָט אין איהם ניט בלויז פיגוראַטיוו אַריינגעגעבען דעם תמצית פון זיינע פאַרגאַנגענע איבערלעבונגען, נאָר ער האָט אויך נביא'יש פאָרגעשטעלט זיך זיין צוקונפט, זיין רייזע ארום דער וועלט און זיינע וויסענשאַפטליכע ארבייטען. נאָך דעם ווי שלעמיל האָט זיך געראַטעוועט פון די נסיונות פונ'ס טייוועל, באַקומט ער צופעליג די זיבען־מייליגע שטיוועל, וואָס ברענגען איהם אין יעדען לאַנד פון דער וועלט, און מאַכען אַז ער זאָל זיך קענען אָפּגעבען מיט זיין ליבלינג שטודיום מיט די גרעסטע גרצען. שלעמיל אַליין זאָגט: „מיין צוקונפט האָט זיך פּלוצלינג קלאָר ארויסגעוויזען פאַר די אויגען פון מיין נשמה. די פאַרברעכען פון מיין יוגענד האָבען מיך פאַרטריבען פון דער מענשליכער געזעלשאַפט, און איך בין אַריינגעוואָרפען געוואָרען אין די אָרעמס פון דער נאַטור, וועלכע איך האָב תמיד ליב געהאַט. מען האָט מיר געגעבען די ערד ווי אַ רייכען גאָרטען, דאָס לערנען — ווי אַ פירענ־

מיינע באַקען. אָ, דער זעלבינער סענטימענט האָט זיך מסתמא געפיהלט אין אַלע מיינע בריף, אין יעדען איינעם!"

ווען נאַפּאָלעאָן האָט אָנגעהויבען זיין מלחמה מיט פּרייסען, אין 1806, האָט ער ארויסגעגעבען א באַפעל אז יעדער פראַנצויז, וואָס מען וועט פאַנגען אין שונא'ס רייהען זאָל, ווען מען וועט איהם פאַנגען, גע'משפט ווערען פון א קריגס־געריכט און דערשאָסען ווערען אין משך פון פיער און צוואַנציג שעה. שאַמיסאָ, וועלבער האָט אומזיסט געפּאָרערט א דערלויבעניש צו רעזיגנירען פון זיין אַמט, איז אַלזאָ געווען אין געפאַר צו שטאַרבען מיט א שענדליכען טויט.

אין קומענדיגען יאָהר האָט ער באַזוכט פראַנקרייך, אָבער אין פּאַריז איז ניט געווען קיין זאַך וואָס זאָל איהם צוציהען. „וואו איך בין, האָט ער זיך באַקלאָגט, בין איך היימלאָז. לאַנד און פאָלק זיינען מיר פרעמד; ממילא קומט מיר אויס אייביג צו בענקען." ער איז געווען דער געוואַגטסטער און פעהיגסטער צווישען דייטשישע אָפיצירען (זיין האַנדלונג בעת האַמעלן האָט זיך אונטערגעגעבען באַוויזט דאָס), אָבער, זייענדיג א געבוירענער פראַנצויז און נאַפּאָלעאָנ'ס א באַוואונדערער, וואָלט ער גלייכער זיך ניט באַטייליגט אין דער מלחמה אַנטקעגען פראַנקרייך און נאַפּאָלעאָנ'ען.

נאָך דעם ווי זיין רעזיגנאַציע איז ווירקליך אָנגענומען געוואָרען, האָט ער פאַרבראַכט א ביסעל צייט ביי מאַדאַם דע סטאַל און זיך באַקאַנט מיט איהר אינטערנאַציאָנאַלען קרייז פריינד. דאָס יאָהר 1813, ווען פּרייסען האָט דערקלערט א מלחמה אַנטקעגען פראַנקרייך, איז געווען דאָס קריטישסטע פון אַלע יאָרען פאַר'ן אומגליקליכען יונגען פראַנצויז־דייטש. זיין האַרץ איז געווען צעטיילט; ער האָט געוואָלט אז נאַפּאָלעאָן זאָל פאַלען ווייל ער האָט פיינד געהאַט דעספּאָטיזם, אָבער אין דער זעלבינער צייט האָט ער געפיהלט יעדע דערנידערונג וואָס איז געקומען אויף די פראַנצויזישע סאָלדאַטען בעת זייער צוריקציהען זיך פון רוסלאַנד, און יעדעס באַליידינונג־וואָרט אויף נאַפּאָלעאָנ'ען, פונקט ווי דאָס אומגליק און די באַליידיגונג וואָלטען געקומען אויף איהם. און זיינע דייטשישע חברים האָבען ניט ארויסגעוויזען קיין שום מיטגעפיהל מיט אָט דער נאַטירליכער שטימונג. ער האָט אָפט אויסגעשריגען אין פאַרצווייפלונג: „ניין, די צייט האָט ניט קיין שווערט פאַר

'Du bist es, bleib und lass hinweg mich schleichen!'
Und schlich zu weinen, in die Nacht hinaus.'' *)

די ראָזינע פיינליבע, מאָראלע זעלבסט־דערקענונג נים אריין אין רער שרים־מעשה א וואונדערבארע וויכטינקיים.

שאַמיסאָ׳ס טאָפּעלע נאַציאָנאַליטעט איז געווען פאר איהם א קוואַל פון א סך אומגליקען אין זיינע אינגערע יאָהרען, ווען עס האָט געהערשט א ווילדע שנאה צווישען זיין געבורטס לאַנד און זיין אדאָפּ־טירטע היים. אין איינעם פון זיינע בריף צו פארנהאַגענ׳ען (דע־צעמבער 1805) שרייבט ער: „קיין לאַנד, קיין פאָלק, — יעדער פאַר זיך. די ראָזינע ווערטער אייערע קומען דוכט זיך גלייך פון מיין האַרץ. זיי האָבען מיך כמעט ווי איינגעציטערט; איך האָב געדאַרפט אַפּווישען די טרערען וואָס האָבען אראָפּגערונגען אויף

---

*) און ער: גו, לאָמיך וויסען ווער דו ביסט!
און איך: איך בין אזא, וואָס האָט געטראַכט
בלויז וועגען שעהנקייט, גוטסקייט, אמת,
וואָס האָט קיינמאָל צו קיין אָפּגעטער נים מקריב געווען
און זיך נים אָפּגעגעבען מים די נאַרישע מאָדעס פון דער וועלט,
מיספאַרשטאַנען, פאַרשפּאָט און קיינמאָל אויף זיין פּיין נים געקוקט;
וואָס האָט אין זיין בלאָנדזשען און זיין טרוים אָפּט דעם רויך
געהאַלטען פאַר א פלאַם, דאָך ביים אויפוואַכען זיך,
פאַרטיידיגט בלויז דאָס גערעכטע. ביסטו אויך אזא?
זאָגט ער מיט ווילדען, רוישיג־הויבען לאַכען:
איך בין נים דער, וואָס דו באַרימסט זיך צו זיין,
מיר איז באַשערט צו זיין נאָר אַן אַנדער מענש.
איך בין א פחדנ׳ישע, ליגנערישע זאַך,
אזא וואָס נאַרט אָפּ זיך און אַנדערע, טיף אין האַרצען טראָג איך
בלויז עגאָאיזם, שווינדעל אויף מיין פּנים.
מיספאַרשטאַנענער איידעלער מענש, מיט דיין פּיין,
ווער פון אונז קען זיך? ווער האָט דעם ריכטיגען סימן געגעבען?
ווער זאָל זיין „איך" פאַרלירען, איך אָדער דו?
קום אַהער, אויב דו וואַגסט עס. איך וועל מיין אָרט דיר געבען.
זאָג איך מיט ציטערניש צו יענעם שרעקבילד:
דו ביסט עס! בלייב דאָ און לאָמיך זיך אָפּטראָגען!
און בין אין דער נאַכט אַרויס זיך פאַנאַנדערוויינען".

לעבן און געזעלשאפטליכע פארמאליטעטן האט ער באטראכט ווי א שווערע משא. זיין ליבע צו דער נאטור האט איהם גע־פירט צו רייזען ארום דער וועלט און זיך פארליבען אין די אינזלען פון דרום ים, און ווערט אויסגעדריקט אין א גרויסער טייל פון זיין פאעזיע.

פון רעסטוועגען האט דער אומבאמערקבארער אינטעלעקטו־עלער צוואנג פון זיין צייט פאראורזאכט אז ער זאל, אלס שריי־בער, אננעמען די ראמאנטישע טעאריעס און שרייבען אין רא־מאנטישען סטיל. עס איז אבער כאראקטעריסטיש אז ווען ער באהאנדעלט די ראמאנטישע אידעע פון Doppelganger אין אזא ליד ווי „ערשיינונג", טוט ער עס מיט א געוויסער מאראלער קראפט, וואס לאזט איבער אויפ'ן לעזער אן איינדרוק פון אמת'ר פארצווייפלונג. דער דערציילער קומט אהיים ביי נאכט און זעהט ווי ער אליין זיצט ביי זיין שרייב טיש. „ווער ביסטו?" פרעגט ער. „ווער שטערט מיר דא?" ענטפערט דער Doppelganger

Und er: ''So lass uns, wer du seist, erfahren!''
  Und ich: ''Ein solcher bin ich, der getrachtet
  Nur einzig nach dem Schonen, Guten, Wahren;
Der Opfer nie dem Gotzendienst geschlachtet,
  Und nie gefrohnt dem weltlich-eitlen Brauch,
  Verkannt, verhohnt, der Schmerzen nie geachtet
Der irrend zwar und Traumend oft den Rauch
  Fur Flamme hielt, doch mutig beim Erwachen
  Das Rechte nur verfocht:—bist du das auch?
Und er mit wildem kreischend-lautem Lachen:
  ''Der du dich ruhmst zu sein, der bin ich nicht.
  Gar anders ists bestellt um meine Sachen.
Ich bin ein feiger, lugenhafter Wicht,
  Ein Heuchler mir und andern, Tief im Herzen
  Nur Eigennutz, und truz in Angesicht.
Verkannter Edler du mit deinen Schmerzen,
  Wer kennt sich nun? Wer gab das rechte Zeichen?
  Wer soll, ich oder du sein Selbst verscherzen?
Tritt her, so du es wagst, ich will dir weichen!''
  Drauf mit Entsetzen ich zu jenem Graus: